## „ספינאָזאַ"

איך האָב געהאַט אַ קוזין, אַ זון פון מיין מאַמעס שוועסטער לייטשע און איר צווייטן מאַן הערש־וואָלף, — איציק האָט ער געהייסן, און ער האָט געהאַט אַלע מעלות. ער איז געווען גוט און שיין און קלוג און פעיִק צו אַלץ און געבילדעט. ער האָט שטודירט יוריספּרודענץ און איז געוואָרן ייִער באַקאַנט אַלס אַדוואָקאַט און פּאַרטיידיקער פון פּראָצעסן, וואָס די פּוילישע רעגירונג האָט פאַרפירט קעגן די אָנפירערס פון לינקע גרופּירונגען. איציק גוט־ראַזענבלאַט איז געווען אַן אויסגעצייכנטער רעדנער. נאָר איציק איז אויך געווען אַ פאַנטאַזיאָר און דאָ און דאָרט פלעגט ער אַריינוואַרפן אַ מעשה, וואָס האָט אין גאַנצן נישט געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט, אָבער ער פלעגט באַהויפּטן שטאָל און אייזן, און ברענגען הונדערט און איינס באַווייזן, אַז עס איז דווקא אַזוי. און אַ דיאַלעקטיקער איז ער געווען אַן ערשטקלאַסיקער, געקענט מטהר זיין אַ שרץ בק״ן מאָל ק״ן טעמים. איציק האָט אויך געשלונגען ביכער און איז געווען באַהאַוונט אין אַלע ליטעראַטורן פון דער וועלט. די גאַנצע משפּחה האָט איציקן ליב געהאַט, נאָר פלעגט זיינע באַהויפּטונגען אויפנעמען רעזערווירט. זיין לייכטע באַציִונג צום אמת האָט אים סוף־כל־סוף דערפירט צום פאַרלירן דאָס רעכט אויף אַדוואָקאַטישער פּראַקטיק און צום זוכן טרייסט אין כוס מיט דעם ביטערן טראָפּן.

און אָט אין ווין — מיטן אין ערשטן וועלט־קריג, איציק שוין אַן אָפיציר. איציק איז געווען אַ יאָר עלטער פון מיר. איצט — פאַרוווּנדעטער פון פראָנט. איך — אויף אַ קורצן אורלויב. מיר רעדן, רעדן, רעדן אָן אַ סוף. און איך — זוך אַ טרייסט אין דער צייט פון ערשטן פעלקער־מאָרדן. אַ וועגעטאַריער בין איך שוין לאַנג געווען, אָבער דאָס אַליין גיט נישט קיין נשמה־טרייסט. און אויך דער אַלטער און נייער טעסטאַמענט און דער קאָראַן און די ביכער מיט דער בודיסטישער תורה — מיט וועלכע איך האָב





מיך דעמאָלט אַרומגעטראָגן — קנאַפּע טרייסט. און איך בעט איציקן: דו ביסט דאָך באַהאַוונט אין אַלע ביכער און ספרים פון דער וועלט — גיב מיר אַזאַ בוך, וואָס זאָל זיין דאָס ערשטע און לעצטע פון אַלע, אַ בוך, מיט וועלכן מען קען לעבן און אויך שטאַרבן. און איציק האַלט אַ לאַנגע, הערלעך געשליפענע רעדע וועגן אַ מיסטעריעזן בוך אַזאַ, וואָס האָט די אַלע מעלות, און וואָס איז שוין פון לאַנג זיין גרויס טרייסט־בוך. און וואָס מער איך בין געשפּאַנט — אַלץ מער ציט ער מיך אָן... אַזוי איז געווען זיין טבע. מיין פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט, פאַר מיינע אויגן האָב איך געזען עפּעס אַ מין סודותדיקן ספר ספרי־הספרים... און אַז איציק האָט געזען, אַז ער איז שוין מיט מיין שפּאַנונג ביים זעניט און ער קען, חלילה, דערגרייכן אַ פאַרקערטע ווירקונג, ווייל איך וועל מיינען, אַז ער האָט זיך אָט־דעם ספר־הספרים מכל ספרי הספרים פּשוט אויסגעפאַנטאַזירט, האָט ער אויסגעזאָגט: עס איז די „עטיק" פון בענעדיקט ספּינאָזאַ... איך בין געוואָרן מוראדיק אַנטוישט... נאָך מער, ווייל איך האָב שוין געפּרוווט דאָס בוך אַמאָל צו לייענען און עס איבערגעלאָזט אין מיטן. און איציק זאָגט: הייב אָן נאָך אַמאָל — לייען — אויב דו וועסט אַפילו שווער פאַרשטיין דעם אָנהייב. נאָך צוויי צענדליק בלעטלעך וועסטו עס לייענען גרינג ווי אַ ראָמאַן — און דו וועסט זען, אַז איך בין גערעכט. עס איז דאָס בוך פון אמת... אין איציקס מויל דאָס לויבליד אויף דעם בוך פון אמת האָט געקלונגען מאָדנע. אָבער איך האָב געפאָלגט.

איך האָב מיר געקויפט די קליינע רעקלאַמע־אויסגאַבע (אין דייטש) פון ספּינאָזאַס „עטיק", שפּעטער אַלע איבעריקע פינף ביכלעך, וואָס זענען דאָ אין דער ביליקער רעקלאַמע־אויסגאַבע — און איך האָב נאָך די ביכלעך ביז היינט. איך האָב מיך מיט די ביכלעך קיינמאָל נישט געשיידט. זיי זענען מיט מיר מיטגעווען אין פיל צענדליקער לענדער, און כמעט אַ יאָר, אין סך־הכל, אויף אַלע ימים — און אַזוי אין אַלע קליינע און גרויסע שטורעמס פון לעבן... דאָס טרייסטבוך.

אַ קורצע צייט נאָך דעם שמועס מיט איציקן בין איך טראַנספּערירט געוואָרן צום 45סטן האַוביצן־רעגימענט. פון איין זייט פויערים, ריזן, באַהאַוונטע אומצוגיין מיט פערד, שווערע, שוואַרצע אַרטילעריע־פערד. פון

דער אַנדערער זײַט — סטודענטן, וואָס האָבן געדאַרפֿט באַדינען די קאָמפּליצירטע רעכן־אַפּאַראַטן פֿון די האַוביצן גופֿא — כּדי נישט צו שיסן סתם אין דער וועלט אַרײַן. דערווײַל אָבער זענען מיר נאָך געווען אין קאַזאַרמע און נאָך געלערנט. צײַט איז געווען ווייניק. די מלחמה איז געווען אין מיטן ברען און מיליטערישע תּורות וואָס פּלעגן אין שלום־צײַט דויערן יאָרן, האָבן איצט געדאַרפֿט אַרײַנגעפּאַקט ווערן אין מוח אין פֿאַרלויף פֿון וואָכן. איך האָב אויסגענוצט יעדע פֿרײַע מינוט פֿאַר לייענען די „עטיק". איציק איז געווען גערעכט. עס איז טאַקע דאָס בוך פֿון אמת. אַ סך זאַכן, וואָס איציק פֿלעגט זאָגן — האָבן נישט געשטימט. אָבער זײַן באַהויפּטונג וועגן דעם בוך פֿון לעצטן אמת — איז אמת.

יעדן שבת נאָכמיטיק פֿלעגט מען רייניקן די באַראַקן. די אַרבעט פֿלעגט דויערן אַ היפּשע פּאָר שעה — ביז צום אָוונט־אַפּעל. אָבער — יענע סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך פֿרײַוויליק געמעלדעט צום רייניקן די מיסטגריבער בײַ די שטאַלן און די מיסטגריבער בײַ די באַראַקן — און אַפֿילו נאָך עפּעס ערגערס... פֿלעגט מען באַפֿרײַען אַזוי גיך די אַרבעט איז פֿאַרטיק געוואָרן. די דאָזיקע אַרבעט פֿלעגט אַרײַנטראָגן אַ ריווח פֿון צוויי־דרײַ שעה. און אַזוי גיך דער קאַפּראַל פֿלעגט אַרויסרופֿן די פֿרײַוויליקע רייניקער פֿון די מיסטגריבער, יעדן שבת נאָכמיטיק, זענען „אויסגעטרעטן" עטלעכע פֿוילע „זשלאָבעס", וואָס האָבן געגאַרט נאָך די פּאָר שעה שלאָף אויפֿן שטרויזאַק, און — דער מאָגערער, שוואַרצער בחור, וואָס האָט די זעלבע פּאָר שעה געוואָלט געווינען צום פֿאַרטיפֿן זיך אין ספּינאָזאַס „עטיק". און אַזוי גיך דער שוואַרצער בחור איז אַרויס, צוזאַמען מיט די זשלאָבעס, האָט אַ הילך געטאָן, ווי אַ קאַנאָנענשאָס, דאָס געלעכטער פֿון דער קאָמפּאַניע. אָבער קיין אַנדערע צײַט צו לייענען די „עטיק" איז נישט געווען און לייענען האָט מען געמוזט, געמוזט.

דעמאָלט זענען אויך געשריבן געוואָרן די ערשטע ספּינאָזאַ־לידער.

די צײַט איז געגאַנגען. דאָס פֿעלדהאַוביצן־רעגימענט איז אַוועק אין פֿעלד. דער ספּינאָזאַ־לייענער האָט באַלד געהאַט אַן איבערגעפֿאַרענעם פֿוס, באַקעמט מיט אַ ראָד פֿון אַ פֿעלד־האַוביץ. ער איז צוריק טראַנספּאָרטירט געוואָרן צו זײַן פֿריִערדיקן רעגימענט פֿון פֿוסגייער און האָט לאַנגע חדשים





געוויילט אין אַ רעקאָנוואַלעסצענטן־היים. זײַן רעגימענט איז איצט סטאַציאָנירט געווען אין דער אונגאַרישער שטאָט פֿון אַן אַ שיעור קלויסטערס קאַטוילישע — סאָמבאַטעי. אין דײַטש: שטײַנאַמאַנגער. ער האָט געאַרבעט צײַטווײַליק אין אַ קאַנצעלאַריע פֿון רעגימענט. צוועלף שעה טעגלעך. די עטיק האָט ער שוין לאַנג געהאַט געלייענט און אויך די איבעריקע ווערק כּפֿינאָזאַס. און ער איז געווען פֿאַרקאָכט אין אַ לידער־סעריע — ספּינאָזאַ. אומעטום איז געווען טומל. אין ערגעץ נישט אַ שטיל ווינקל. און דאָס שרײַבן די ספּינאָזאַ־לידער האָט געפֿאָדערט אַבסאָלוטע רו און קאַנצענטראַציע. איך האָב מיך אין די עטלעכע פֿרײַע שעה אין די אָוונטן אַרומגעשלעפּט איבער דער טיף־קאַטוילישער שטאָט און געזוכט אַ ווינקל. און אָט האָב איך אַנטדעקט, אַז די קאַטוילישע קלויסטערס זענען אַלעמאָל אָפֿן. און אַזוי ווי זיי זענען געווען אומצאָל אין שטאָט — זענען זיי אויך היפּשלעך ליידיק. און אויך היפּשלעך טונקל. בין איך אַרײַן, אַנידערגעקניט — און אַנטדעקט, אַז יעדע „שטאָט" אין די קלויסטערס האָט אַ קליין שטענדערל און מען קען אויף אָט אַזאַ שטענדערל שטילערהייט שרײַבן. און אַזוי האָב איך פֿון יענעם טאָג אָן טעגלעך געקניט אַ שעה־צוויי, אַביסל פֿאַר זיך געפּרעפּלט, אַז מען האָט געקוקט אויף מיר; און, אַז דער קלויסטער איז געווען ליידיק, האָב איך געשריבן. איינמאָל האָט מיך אַ שטילער, אַסקעטישער גלח בײַ אָט דער מלאכה געזען און איז צוגעגאַנגען. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך שרײַב תּפֿילות פֿאַר זיך אַליין און איך האָב אים אַפֿילו געזאָגט, אַז איך שרײַב זיי אויף מײַן שפּראַך, אויף ייִדיש, ווײַל איך בין אַ ייִד. ער האָט מיך טאָלערירט און האָט מיר אַפֿילו געהאָלפֿן צו געפֿינען אַ בעסערן, ליכטיקערן פּלאַץ.

און אַזוי זענען די קלויסטער־שטימונגען פֿון סאָמבאַטעי, דאָס גלאָקןקלינגען אין די פֿאַרנאַכטן, די ווינטער־נאָכמיטיק־זון, אַרײַן אין די ספּינאָזאַ־לידער. און עס זענען אויך אַרײַן די פּנימער פֿון די לונגען־קראַנקע פֿון שפּיטאָל פֿון מײַן רעגימענט... ספּינאָזאַ איז דאָך אויך געווען אַ לונגען־קראַנקער.

מיט נאָוועמבער 1918 איז אײַנגעפֿאַלן די אייראָפּעיִשע קאָנסטעלאַציע פֿון פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און אויפֿן האָריזאָנט איז אויפֿ־

געגאַנגען דער פּאַרטאַגיקער שטערן פון די האָפענונגען פון דער מידער וועלט אויף דעם אייביקן ווידערקומענדיקן משיח. וואָס זיין נאָמען איז רע־וואָלוציע... און אין אַזאַ פרימאָרגן איז טאַקע אין אַ פּאַרטאָג, טאַקע ביי אַ ליכט פון אַ מאָרגנשטערן, געקומען אַהיים אַ דעמאָביליזירטער סאָלדאַט און אין זיין רוקזאַק אַ פּאַעמע מיט דעם נאָמען „ספּינאָזאַ“ — געשריבן פאַרן פרייז פון אומצאָליקע שעהן מיסט רייניקן אין אַ קראָקעווער קאַזאַר־מע און אומצאָליקע שעהן פון קניִען אין אַ סאָמבאַטעיער קאַטוילישן קלויסטער.